די דאָזיקע עלטערע ווערק פון דער נייַער יידישער ליטעראַטור האָבן זיך גע־
שטיצט אפן. רעאַלן לעבן, אפ די באַדערפענישן און אפן שטרעבן פון די פאָלקס־
מאַסן. די דאָזיקע ביכער האָבן א געשיכטע, א היסטאָרישן צוזאַמענהאַנג פון דאָר
צו דאָר, ס'איז דאָ פאַראַן אן אנטוויקלונג, א טראַדיציע, פון שטופע צו שטופע: אייכל,
וואָלפזאָן, מ. לעפין, דער אנאָנימוס פון „די גענאַרטע וועלט“, אקסענפעלד, עטינ־
גער, לעווינזאָן, גאָטלאָבער, דיק, ליִנעצקי, גאָלדפאַדען, מענדעלע אאַוו.—און
דאָס אייגענע שטעלן מיר פעסט אינעם וועג פונעם אלטן פאָלקלאָר־ליד—צום האַלב־
ליטעראַרישן האַלב־פאָלקלאָרישן פאָלקסליד.—די דאָזיקע ליטעראַטור האָט געוווּסט, וואָס
זי וויל. אַזוינס רופט זיך ליטעראַטור אין אייגנטלעכן זינען פונעם וואָרט.
קיין שום קוואַלן, ניט וויסנשאַפטלעך־היסטאָרישע, ניט בעלעטריסטישע (אין
העברעיִש און אנדערע שפּראַכן) קאָנען ניט פאַרבייַטן דעם ווערט פון דער דאָזי־
קער ליטעראַטור אפ צו דערקענען, אָנשווילעך צו באַנעמען און צו דערפילן, בע־
כוש דאָס אינטימע, טאָגטעגלעכע לעבן פונעם פאָלק, פון די מאַסן אין יענער צייַט,
זייער ווירקלעכן שטייגער, זייערע געפילן, דענקען, טראַכטן, האַנדלען, האָפן,
שטרעבן—און די שאַפערישקייַט פון זייער וואָכעדיקן געוויינלעכן טאָג. די ליטע־
ראַטור פון יענער צייַט איז ניט בלויז אן אייגנאַרטיקער אָפּשניט אין דער געשיכטע
פון דער יידישער ליטעראַטור—נאָר אזא, וואָס האָט פאַר זיך אן אָריגינעלן און
זעלבשטענדיקן באַטייַט. זי איז ניט בלויז א וויכטיקע זאַמלונג פון געשיכטלעכע דאָ־
קומענטן, א וויכטיק קאַפּיטל פון דער יידישער קולטור, פון דער יידישער געשיכטע
בכלל, נאָר אויך א זאַמלונג פון דענקמאָלן פון דער שאַפערישקייַט פונעם
פאָלק אין א שווערן פאַרומערטן פּעריאָד פון זייַן געשיכטע.

---

4-3

י. דרוקער

# סאַטירע אין שאָלעם-אַלייכעמס שאַפן

די וווּלגאַר־סאָציאָלאָגישע קריטיק, אָפּשאַצנדיק שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן, איז
שער אומדערוואַרטעט פאַר זיך אַליין, געקומען צו די זעלבע אויספירן בענגייע
שאָלעם־אַלייכעמען, וואָס עס האָבן געמאַכט די בורזשואַזו־יידישיסטישע קריטיקער.
די קאָנצעפּציע איז אַזאַ: שאָלעם־אַלייכעם איז אין זייַן שאַפן א גוטמוטיקער,
ער ווענדעט אָן צו אַלץ און צו אַלעמען די מאָס פון ראַכמאָנעס, ער פאַרגיט אַלץ,
איז מייכל.
דער איינציקער אונטערשייד צווישן די ביידע גרופּן קריטיקער באַשטייט אין,
דעם, וואָס שאָלעם־אַלייכעמס קלוימערשטע גוטמוטיקייַט האָט די בורזשואַז־
יידישיסטישע קריטיק געהאַלטן פאַר א מייַלע, און די וווּלגאַר־סאָציאָלאָגישע—פאַר
א כיסאָרן.
אינדערעמעסן אָבער איז דאָס ניט מער, ווי אן אומגעלומפּערטער בילבל אפן
שאַפן פון אונדזער געניאַלן פאָלקס־שרייַבער. די ווילדע אויסטראַכטעניש, אז
שאָלעם־אַלייכעם איז אַבסאָליוט פאַרליבט אין אַלע זייַנע פּערסאָנאַזשן, אז קיינ
איינער פון זיי ווערט דורך אים ניט דעמאַסקירט און אויפגעריסן, אנטוואָפנט
שאָלעם־אַלייכעמען ניט בלויז אַלס סאַטיריקער, נאָר בכלל אַלס קינסטלער. איז
דן מעגלעך אן עכטער שרייַבער אָן גרויסע סאָציאַלע לייַדנשאַפטן? וויבאַלד דער
שרייַבער איז גלייַכגילטיק צו אַלץ, אָדער באַציט זיך צו אַלעמען אַלציינס, האָט
קיין פייַנט אין נאָמען פון גרויסער ליבע, קאָן ער זיך אין קיין פאַל ניט דערהויבן
צו גרויסער עכטער קונסט.
די גרויסע סאָציאַלע לייַדנשאַפטן, מיט וועלכע עס זייַנען דורכגעדרונגען
שאָלעם־אַלייכעמס ווערק, זייַנע וווּנדערלעכע סאָציאַלע פּילפאַרביקע גאַלעריי טיפּן
און געשטאַלטן, צעשמעטערן אָט די דאָזיקע אומגעלומפּערטע קאָנצעפּציע.
„לאַכן איז געזונט“ האָט פּראָקלאַמירט שאָלעם־אַלייכעם און אין מעשעך פון
זייַן גאַנצן שעפערישן לעבן האָט ער ניט אויפגעהערט צו לאַכן און אויסלאַכן. און
דערפאַר קלינגט זייַן געלעכטער אַזוי פאַרשיידנאַרטיק. אָט איז דער געלעכטער
מילד, ווייך, צאַרט, און אָט ווערט ער בייַסיק, שפּאָטיש, בייז, פול מיט גאַל.
אין זייַן ציקל אַרטיקלען „דער יידישער דאַלעס און די בעסטע ווערק פון
אונדזערע פאָלקס־שריפטלער“ (בייַלאַגע צום יידישן „פאָלקס־בלאַט“, 1888) טרעט
שאָלעם־אַלייכעם שאַרף אַרויס קעגן סענטימענטאַליזם, קעגן אידיליע, וואָס פאַרווישן,

פארגלעטן און באפוצן און פארשטארקן מיט דעם די וווּנדן פון פאָלק. וווּנדן, זאָגט שאָלעם-אליכעם,—דארף מען באצײַטנס אופשנײַדן און דער בעסטער מיטל דערצו איז די סאטירע.

לויבנדיק לינעצקיס אַנגרײַפעריש-סאטירישע ווערק—„דאָס פוילישע יינגל״ שטרײַכט אונטער שאָלעם-אליכעם:

„די סאטירע—דאָס איז אזא מין טײַערער אינסטרומענט אין די געלערנטע הענט פון א טאלאנטפולן שרײַבער, אז עס פארלײַכטערט די שווערסטע ארבעט אי



„טעוויע דער מילכיקער״ אין ווײַסרוסישן יידישן מעלוכע-טעאטער
אפן בילד: טעוויע—פארדינסטפולער ארטיסט פון רעפובליק—מ. סאָקאָל, האָדל—פארדינסטפולע ארטיסטין פון רעפובליק—יו. אראָנטשיק

טרעפט שטענדיק דעם נאָגל אפן קאָפּ; דער אוילעם ווערט צעשמאָלצן לאכנדיק און זעט גאָרניט, / אז דאָס לאכט ער פון זיך אליין. דאָס איז א ביטערער געלעכטער און אין א בריוו צו לינעצקין פארן 1888 יאָר לויבט אים שאָלעם-אליכעם פאר זײַן פאָלקס-שפּראך, וואָס פארמאָגט אין זיך די שטשעדרינישע בײַסיקײַט, דערפאר, וואָס ער שרײַבט „По щедринскому“

דעם סאטירישן געלעכטער קאָן מען אָבער ניט אָנווענדן צו יעדן איינעם מיט דער זעלבער מאָס. צו די אריסטאָקראטן און גווירים—די בלוטזויגער פון פאָלק, דארף דער סאטירישער געלעכטער זײַן געצילט מיט זײַן גאנצער פארניכטנדיקער שארפקײַט. אָבער דאָרט, ווו עס גייט א רייד וועגן אופדעקן די לעכערלעכקײַט די איליוזאָרישקײַט און פארפירטקײַט פון דעם האָרעפּאשניק, פונעם פאָלקס-מענטש



דאָרט, ווו די סאטירע איז בארופן ניט צו פארניכטן דעם, וואָס איז פארפירט, פארקערט, זי דארף אים ענדערן און אויסבעסערן, דארף באנאנד מיטן סאטירישן געלעכטער אויך דורכשמייכלען האָפערדיקער הומאָר.

„הערן גלײַכווערטלעך, אָפּטמאָל שטעכנדיקע, און זען באקאנטע, ריכטיקע נאטירלעכע בילדער פונעם עמעסן לעבן, דערפון ארײַנעמען זיך א גוטן מוסער אויך, אגעוו, אויסהערן א גוטע אייצע, אן ערנסט וואָרט פון א גוטן פרײַנט—דאָס, דאכט מיר, קאָן ניט נימעס ווערן קיינמאָל״. עס קאָנען קיינמאָל ניט נימעס ווערן, לויט שאָלעם-אליכעמס מיינונג, אזעלכע ווערק „ווו דאָס ערנסטע מיט דער סאטירע, דאָס באדויערן מיטן וויץ, דאָס פשעטל מיטן גלײַכווערטל גייען האנט אין האנט געבונדן און צוזאמענגעשלאָסן״. (וועגן שאצקעס „דער יידישער פאר־פייסעך״—ביילאגע צום יידישן „פאָלקס-בלאט״ נום. 44, 1888).

די סאטירע בא שאָלעם-אליכעמען אין אירע פארשיידענע אָנווענדונגען איז באדינגט געווען פון דער גרויסער און טיפער ליבע צום פאָלק. ווײַל עמעס פײַנט האָבן קאָן מען נאָר דאן, ווען מע האָט עמעס ליב.

אין זײַן סאטירישן פאמפלעט „שאָמערס מישפּעט״ (1888) רעדט שאָלעם-אליכעם וועגן דער גרויסער און אכרײַעספולער געטרײַשאפט, מיט וועלכער דער שרײַבער דארף דינען דעם פאָלק.

„צו זײַן א פאָלקס-שרײַבער דארף מען זײַן א טאלאנטפולער שרײַבער און א פאטריאָט, א מענטשן-פרײַנט, מע דארף ליב האָבן דאָס פאָלק, און שאפנדיק און לאכנדיק, דארף מען דעם זײַן געטרײַ, איבערגעגעבן און ליב האָבן, אזויווי אבראמאָוויטש, וואָס לאכנדיק און שפעטנדיק, זעט מען ווי עס טריפט זיך אים דאָס בלוט״.

דעם זעלבן געדאנק, אומגעפער, ברענגט ארויס שאָלעם-אליכעם, ווען ער רעדט וועגן דעם אייגנארטיקן כאראקטער (געמיש פון הומאָר און סאטירע) פון דעם דיכטער היינעס שאפן.

„צווישן אלע בארימטע פאָעטן שטייט ער זיך באזונדער, זײַן לירע איז גאָר אן אנדער מין לירע; זײַנע לידער זײַנען א מין געזאנג פון א פרײַ פויגעלע און זײַנע געדאנקען זײַנען טיף, ווי דער יאם, הויך ווי די הימלען, שארף ווי די שארפסטע שווערד. מיט דער שווערד פון סאטירע און הומאָר האָט היינע געשניטן דער אומבעראכמאָנעס, געשפּאָלטן די נירן, געמאכט א טעל פון אלע, וואָס פאר-דינען עס.

געשריבן האָט ער יעדער זאך מיט הארצ, ער האָט אסאך פײַנט געהאט, אָבער נאך מער ליב געהאט; פיל געלאכט, אָבער נאָך מער געוויינט, און האָט פיל געליטן פון כאלאעס, וואָס הייסט צאַראס ראבים—דער וועלט-שמערצ״. („היינריך היינע״, „פאָלקס-ביבליאָטעק״, ערשטער בוך, ז. 435. 1888).

אין א בריוו צו יאנקעוו דינענזאָן (1908) זאָגט וועגן זיך שאָלעם-אליכעם, אז ער איז לויט זײַן שרײַבן דער הייפעך פון אים ד. ה. פון דינענזאָנען. דינענזאָן איז סענטימענטאל, גיסט מיט טרערן, ווי א ברעזענער בוים, האלט אין איין פארגעסן און מויכל זײַן, און ער, שאָלעם-אליכעם, ווענדעט אָן דעם קריטיש-סארקאסטישן קונסט-מעטאָד. זײַן הומאָר איז ניט אָפּגעגרענעצט פון דער סאטירע,

און ווײַל ער לאַכט אויכ אויס די איליוזיעס פונ פאַרפירטע מענטשנ, אינ וועמענס געשאַפענער לאַגע עס איז שולדיק די קאַפיטאַליסטישע ווירקלעכקײַט, קומט בא אימ אָפט צוזאַמענ מיטנ שטאָכ אויכ א טרער.

„און איר קענט דאָכ מיכ, אז איכ בינ עפעס ניט פונ די גרויסע מאָרעשכוירע־ניקעס; איכ בינ, האָב איכ מוירע, פונקט דער היפּעכ פונ אײַכ, דינעזאָנ; איר ווײַנט אונ קלאָגט אונ גיסט, ווי א בערעזענע אונ צומ סאָפ לאָזט איר טאָמיד אויס מיט א זיס וואָרט, מיט א גוטער האָפענונג, אונ אז מע גייט אוועק פונ אײַכ, איז מענ אופגעלייגט, אביסל צעווייקט, אָבער צופרידנ, גליקלעכ, אָנגעוואַרעמט, אויסגעגלעט אונ געטרייסט אפנ בעסטנ אויפנ. דאַגעגנ אָבער איכ — כא־כא־כא אונ כי־כי־כי, לעבעדיק אונ פריילעכ, אונ א ציפ, א ריס, א שטאָכ, א קרעל אונ אַמאָל א זיפצ, א קרעכצ, א טרער אונ ווידער כא־כא־כא אונ אָבער כי־כי־כי, אונ ווי מע גייט ארויס פונ מיר, פילט מענ זיכ אביסל, דאַכט מיר, דאָסיק... איכ שטעל מיכ פאָר אז מע קער אזוי צו זאָגנ:

„אָט דער אימאַכשמוינעק, דאַכט זיכ הא, מאַכטייסע; קומט צומ שפילנ, זאָל א רוכ אינ זײַנ ט. ארײַנ!"

דער סאַטירישער עלעמענט איז געווענ אָרגאַניש פאַר שאָלעמ־אלייכעמענ דעם פאָלקס־שרײַבער. דאָ האָט ער זיכ געפילט ווי בא זיכ אינדערהיימ.

„זעט איר, שפעטנ, אויסלאַכנ, כויזעק מאַכנ, ארײַנקריכנ יענעמ אינ די גערגערעס, אונ פונדעסטוועגנ צושטעלנ דעמ לייענער פאַרגעניגנ, אז ער זאָל מיכ פאַר מײַנ כויזעק מאַכנ אויכ ליב האָבנ — זעט איר, דערופ בינ איכ א [illegible] א כוואַט, וויפל איר ווילט". (פונ ש"א א בריוו, 1886).

* * *

ארײַנדרינגענדיק אינ דער סאַמע טיפ פונ דער פאָלקס־נעשאָמע, לעבנדיק מיט די לײַדנ אונ פריידנ פונ די פאָלקס־מאַסנ, האָט שאָלעמ־אלייכעמ מיט דער גאַנצער פילזײַטיקײַט ארויסגעבראַכט זייער שאַרפנ פראָטעסט קעגנ סאָציאַלנ סיידער פונ דער וועלט אונ די דוירעסדיקע סינע קעגנ די גווירימ, קעגנ די עקספלואַטאַטאָרס

שאָלעמ־אלייכעמ האָט געשאַפנ א ברייט־פאַרצווײַגטע גאַלעריי פונ פאַרשיידענע גווירימ: גרעסערע, מיטעלע אונ קלענערע, מעגושעמדיקע אונ מעיוכאָסעמדיקע, „איידעלע", אופגעקומענע אונ פונ לאַנג אײַנגעפונדעוועטע — גווירימ פונ אלטנ אונ נײַעמ שניט, וועלכע ער רײַסט סאַטיריש אופ אונ אנטבלויזט זיי.

שאָלעמ־אלייכעמס ערשט באַדײַטנדיקער ראָמאַנ „סענדער בלאַנק" (1887) געפינט זיכ אינגאַנצנ אינ קעגנזאַצ צו די פאַרשיידענע טשוווע־מאָטיוונ, וואָס האָבנ אינ יענער צײַט, אדאַנק די צאַרישע פאָגראָמענ, געהאַט פאַרפילט די יידישע ליטעראַטור אונ פובליציסטיק. די געוועזענע ראַדיקאַלנ אונ „סאָציאַליסטנ" פונ דאָקטער קאַמינערס שניט האָבנ געוואָרנט, זיכ היטנ פונ „זויערער סאַטירע", פונ „אײַז־קאַלטער קריטיק" בענוגייע צומ יידישנ לעבנ, אונ האָבנ גערופנ צוריק צומ אלטנ לעבנס־שטייגער, צו דער אידילישער גאַנצקײַט אונ איינהײַטלעכקײַט פונ דער יידישער מישפאָכע, צו דער איינהײַטלעכקײַט פונ גאַנצנ יידישנ פאָלק. שאָלעמ־אלייכעמ דער גרויסער רעאַליסט, וואָס האָט אויסגעדריקט די אינטערעסנ פונ עמעסנ פאָלק, ד. ה. פונ



עפאַשנע מאַסנ, האָט מיט דער סאַמע שאַרפסטער סאַטירע באַוויזנ אינ זײַנ מאַנ, ווי פאַלש ס'זײַנענ די וועגנ, אפ וועלכע עס רופנ די דערשראָקענע אונ וישטע קאַמינערס. עס איז ניטאָ אונ ס'וועט ניט זײַנ קיינ קאָל איסראָעלדיקע יליע. צווישנ די שוסטער, שנײַדער, סטאָליער, טרעגער אונ ביכלאַל דעמ יעגיע־ יימאַניק וועט קיינמאָל קיינ שאָלעמ ניט זײַנ מיטנ גוויר. די האָרעפאַשניקעס יסנ גוט, אז סענדער בלאַנק „האָט אָנגעגאָזלט געגנוג מיט פרעמדע הענט", אז האָט זיכ גענוג אָנגעזויגנ מיט זייער בלוט. אונ דערפאַר שטעלנ זיי קעגנ מיט אָלצ סענדער בלאַנקס אָנגעגאָזלטע אשירעס, זייער ערלעכ פאַרהאָרעוועטנ שנ.

„איכ בינ אויכ א שנײַדער אונ שעמ מיכ קאָל נישט מיט מײַנ מעלאָכע! ניט קיינ פוסטעפאַסניק, קיינ בלוטזויגער, קיינ שאַבסע־צווינעק". („סענדער אנק").

א טיפער אָפגרונט טיילט אָפ פונ סאַמע קינדהײַט סענדער בלאַנקס מעזיניקל רקעל פונ לייזער דעמ באַלעגאָלעס יינגל. אפ מאַרקעלס שטערנ איז אָנגעצייכנט: „געלט וועסטו האָבנ, א פערד וועסטו זײַנ".

אונ אפנ שטערנ פונ לייזער דעמ באַלעגאָלעס יינגל איז אָנגעצייכנט פאַרקערט: „א פערד וועסטו האָבנ, א קאַפצנ וועסטו זײַנ".

מיט א באַזונדער שטאַרקער קראַפט ווײַזט דאָ שאָלעמ־אלייכעמ די צוויִעס, ודאָרבנקײַט אונ נישטיקײַט פונ דער בורזשואַזער פאַמיליע. זיי, די אלע פונ נדער בלאַנקס געזינדל, איז פרעמד דער געפיל פונ ליבע, צאַרטקײַט אונ ריכטיקע איבערגעגעבנקײַט. זיי אלע באַהערשט איינ געפיל, איינ לײַדנשאַפט — גט. אונ ס'איז ניטאָ אזא פאַרברעכנ אונ אזא נידערטרעכטיקײַט, וואָס יעדער איינער ווי זאָל ניט זײַנ אימשטאַנד צו באַגיינ אינ נאָמענ פונ אָט דער לײַדנשאַפט.

צוליב יערושע, צוליב א כיילעק פונ סענדער בלאַנקס פאַרמעגנ, וואָס יעדער נער וויל באַקומענ, קוקנ אלע ארויס אפנ פאָטערס טויט.

אָט איז אנ עכט צוויִעסדיקער דיִאַלאָג, וואָס קומט פאָר צווישנ רעוועקנ, נדער בלאַנקס טאָכטער, אונ איר מאַנ אָסיפ:

„— עס וואָלט שוינ, כ'לעבנ, א יוישער געווענ, רעוועקאַ, אז דײַנ „אלטער"
...

— וואָס מאַכט ער דיר קאַליע, אז ער לעבט, אָסיפ?

— איכ מיינ פונ דײַנ טויווע וועגנ, רעוועקאַ! טשעסטנאָיע סלאָוואָ...

— איכ בעט דיכ, זאָלסט ניט זאָרגנ פאַר מיר, אָסיפ!

— המ...

— ווי אזוי ווײַזט „ער" דיר אויס, אָסיפ?

— שלעכט, זייער שלעכט, רעוועקאַ, הײַנט, מאָרגנ... טשעסטנאָיע סלאָוואָ!

— נו, נו! בײַס זיכ אָפ די צונג!

— המ...

— וואָס זאָגט דער דאָקטער, אָסיפ?

— ער זאָגט, אז „ער" דאַרפ שרײַבנ א צאַוואָע, מאַכמעס...

— דער דאָקטער איז אזא שויטע ווי דו!

— המ...

— איך מיין, אז בא אים ליגט ערגעץ א גרייטע צאוואָע! ווי מיינסטו, אָסיפּ?

— לאָמיך דיר דערציילן, רעוועקא, נאָר דו וועסט דאָך מיר אפּ קיין שווע ניט גלויבן,—שווער איך דיר, אז ווען ניט, זאָל איך א מיסע־מעשונע איינעמען דאָ אפן אָרט, איך זאָל ניט דערלעבן אופשטיין, טשעסטנאָיע סלאָוואָ!..

— א? דו שווערסט זיך שוין? איז דאָס געוויס א ליגן! גענוג, גענוג, אָסיפּ!״

אלע ווארטן געשפּאנט אפן פּאָטערס טויט. אָבער ווי דערשלאָגן ווערן אלע, ווען סענדער בלאנק ווערט געזונט און פון דער יערושע לאָזט זיך אויס א בוידעם.

„אָנגעצויגן, שטארק אָנגעצויגן איז געווען דאָס געזעגענען זיך און דאָס אָפּרייַסן פון דעם הער בלאנקס קינדער, און יעדער האָט דאָס געפילט, און ס׳איז עפּעס יעדן געווען אזוי ביטער, אזוי שלעכט אפן הארצן, אזוי ליידיק אינעווייניק! נאָר אויסריידן, אופדעקן דאָס איינער פאר דעם אנדערן האָט קיינער ניט געוואָלט און ניט געקאָנט״.

א שטילע טראגעדיע, דער טאטע איז ניט געשטאָרבן...

„וועגן אָט די „פיינע העלדן״,—שרייבט שאָלעם־אליכעם אין ראָמאן,—האָבן מיר דאָס רעכט בא זיך און צווישן זיך ריידן, שמועסן, באדויערן און כויזעק מאכן פון אלע, מיט וועלכע מיר האָבן זיך דאָ באקאָנט—קיינער קאָן אונדז ניט שטערן, דערויף בין איך א שרייבער״.

די לערנערס און לעווינסקעס האָבן אָבער אלץ געטאָן אפּ צו שטערן שאָלעם־אליכעמען. מע איז אפּ אים אָנגעפאלן פון אלע זייטן. מע האָט ווילד געליארעמט, אז ער טרייבט רעכילעס אפּ דער יידישער פאמיליע, אפן יידישן פאָלק, און מ׳האָט אים קלוימערשט פרייַנטלעך געייצעט, אז ער זאָל פארבייטן זיין דעמאסקירנדיקע סאטירע „אפּ פאנטאזיע און פּאָעזיע״.

די שפּעטערדיקע בורזשואַזי־יידישיסטישע קריטיק, מאסקים זייענדיק, אז „סענדער בלאנק״ איז א סאטיריש ווערק, האָט זיך אָבער געטרייסט מיט דעם, אז דאָס איז דאָס איינציקע ווערק פון דעם מין, און, אז מער איז ניט צו געפינען קיין סאטירע אין שאָלעם־אליכעמס שאפן. זייער טרייסט איז אָבער געווען א דורכויס פאלשע. באנאנד מיט זיין וואונדערלעכן הומאָר האָט שאָלעם־אליכעם פאָרגעזעצט אין זיין שאפן די סאטירישע ליניע ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

אין צענדליקער דערציילונגען, נאָוועלן, מאָנאָלאָגן און פּיעסן איז שאָלעם־אליכעם ניט מיד געוואָרן אראָפּרייַסן די מאסקע פונעם נאָגיד, פונעם בלוטזויגער.

אין זיין קאָמעדיע „יאקנעהאז״ (1894), אין וועלכער „ער שטעלט ארויס אפּ לייטישן געלעכטער די גאנצע יעהופּעצער בערזע מיט אלע ספּעקוליאנטן און מעקלערס, פון גרעסטן ביזן קלענסטן״ (פון ש״א אריינפיר־וואָרט צו דער קאָמעדיע), דעמאסקירט שאָלעם־אליכעם אפן סאמע שארפסטן אויפן די „אריסטאָקראטישע דאמעס, די „מעסוקענע רעכילעסניצעט״, די אופגעקומענע גווירים און באנקירן מיט זייערע כאַישע אפּעטיטן פון בארויבן, באגאזלענען און אָנפּייַפן, און מיט זייער דעמאָראליזירטן עקלדיקן לעבנס־שטייגער פון זשורפיקסן און קאָרטן. זיי אליינ



קאָנען קיין גוט וואָרט ניט זאָגן וועגן זיך, מע שאצט זיך אָפּ און מע כאראקטעריזירט איינער דעם צווייטן, ווי שאבסעצווייניקעס, גאָטס גאנאָווים און שווינדלער.

„א הייגער אומגליק—קלאָגט זיך דער אופגעקומענער גוויר פאסטערנאק—אמאָל, ווידער איך האָב געהאט געלט, איז מיין ווייב געווען א מענטש, גלייך ווי אלע מענטשן״. באקומענדיק געלט האָט די גאנצע ספּעקוליאנטישע כעוורייַע, ווי סענדער בלאנקס מישפּאָכע, פארלוירן יעדן מענטשלעכן אויסזען, יעטווידן פונק פון מענטשלעכקייַט.

אין דער דערציילונג „זומערדיקע ראָמאנען״ (1914־15) שטעלט שאָלעם־אליכעם צום שאנד־סלופּ „די עמעסע אריסטאָקראטן פון דער גאָלדענער פּאָן״. די כאסרילעווקער „ראָטשילדס״ און „בראָדסקעס״, וואָס פארקערפערן אין זיך ניט בלויז די זייטן פון שטעטלשע גווירים, נאָר אויך די זייטן פון די גרויס־שטאָטישע.

דער ערשטער סימען פון זייער „אריסטאָקראטיזם״ איז דאָס, וואָס זיי דערלערן, אז זיי פארשטייען קיין וואָרט יידיש ניט. די מאדאם ראָטשילד האלט אין איין קנאקן אפּ קאסרילעווקער רוסיש—„אך קאקוי גאריאטשע דיען סעוואָדני״. נאָר דאָס גייט זיי אָן, צי ריידן זיי ריכטיק, צי ניט, דעריקער, זיי פארמאָגן געלט. און אז מע פארמאָגט געלט, ווייסט מען און מע קאָן אלץ. — „נא טשטאָ נאם לודעך, קאָגדא אוי נאס יעסט דיענגי?״—זאָגט דאָרט די אָנגעבלאָזענע מאדאם ראָטשילד.

און אָט מאָלט אונדז שאָלעם־אליכעם א בילד פון א יונגן אריסטאָקראט:

„א באָכער קאהאלאָכע, פונעם געוויסן שניט „א געקאָנטשעטער קאָמערטשעסקי״, האָט ליב א קערטל און קער זיך מיט דער גאנצער כעווראיע פון „שאנטאנ״. קאָן אויסווייניק אלע אָפּערעטעס, און דעם גרעסטן ניגן וועט ער אייך אויספייַפן מיטן מויל. באטאָג איז ער שלעפעריק, באנאכט—אן אויסגעשלאָפענער. דאָס קאפעלושל זיצט בא אים אפן שפּיץ־קאָפּ. דאָס רעקעלע „אליא קליאָש״ הענגט ווי אויסגעגאָסן, דאָס שטעקעלע דין און טשאקנדיק״.

די בראָדסקיס און ראָטשילדס, די דעמאָראליזירטע און פאראזיטארישע דאמען און הערן פארשטייען ניט, פארוואָס איז אפּ דער וועלט דאָ „אזויפיל ליידיקגייער, בעליי פּוסטעפּאסניקעס, שקאָצים אורמאָשים און טונעיאַדצעס, וואָס וויסן נאָר שטארבן פון הונגער און אויסגיין פון קעלט״.

מיט הער גיפּטיקסטער איראָניע כויזעקט דאָ שאָלעם־אליכעם אָפּ פון די ליידיק־גייערישע דאמען און הערן, וואָס טוען א גאנצן טאָג קיין האנט אין קאלט וואסער ניט ארייַן, און האָבן נאָך טייַנעס צו די, וועמען עס פעלט א שטיקל ברויט צו שטילן זייער הונגער.

ניט ווייניקער נידערטרעכטיק פון זייערע ציניש געדאנקען וועגן אָרעמאן איז זייער פילאנטראָפּיע—זייער שענקען איינמאָל אין יאָר דעם פונט האָלץ און דאָס פלעשל שמאלץ אָט די מענטשן, וואָס זיי בארויבן, עקספּלואטירן און פארוואנדלען אין אזעלכע, וואָס „שטארבן פון הונגער און גייען אויס פון קעלט״.

ניט בעסער פון די ברוטאלע אופגעקומענע גווירים זעט אויס דער איינגעוועטער פּעטער הערץ אין דער דערציילונג „צו דער סודע״, וואָס איז „נישט נאָר דער גוויר פון דער מישפּאָכע״, נאָר אויך „דער ראָש ווערישן בא אונדז אין

שטעטל און אין אַלע שטעטלעך ארום און איז הערץ, און הערץ־
מיט זײַנע „בייזע גרויע אויגן״ קוקט ער אפ אַלעמען „פון אויבן אראָפּ״ ווי איינער
רעדט: ווי קומט איר פארכעס צו מיר? איך בין הערץ דער נאָגיד און פאָר מיר
אין קארעטע און איר זײַט קאסריליקעס, האָלאָדראנצעס, קאפּצאָנים און טיאָפּקעס
זיך אין דער בלאָטע״.

די אָרעמע מישפּאָכע, וואָס קומט צו אים אין געסט איינמאָל אין יאָר—פּורים
צו דער סודע, בלײַבט געפּלעפט פון שרעק, ווען זי גיט א קוק אפ זײַנע בייזע
אויגן און דערהערט זײַן היסטעליע, וואָס רופט האָבן דערעכערעצ.

„מען איז אי הונגעריק, אי עס ווילט זיך ניט עסן; עס האָט אָפּגענומען מיט
אמאָל דער אפּעטיט, ווי מיט די הענט״.

דער פעטער הייסט עפּעס רעדן, זאָגן און „די מישפּאָכע שווײַגט. קיינער
וואגט ניט צו זאָגן א וואָרט באַם פעטער הערצ באַם טיש״.

נישט געקוקט אפ דער יעזויִטישקײַט, מיט וועלכע דער פעטער הערצ האָט וי
אזוי אויסגעצייכנט באַ זײַן לעבן, האָט ניט געשטערט, אז מ׳זאָל נאָך זײַן טויט
אָנשרײַבן מיט גאָלדענע אויסיעס אפ זײַן מאַצייווע:

„דאָ ליגט א מאַן אַן ערלעכער, א גוטער, א הארציקער, א ליבלעכער, א ברייטע
האַנט, א גרויסער באַלצדאָקע, א צוגעלאָזטער, א געטרײַער, א פרײַנטלעכער, אנ
גאָך און נאָך״.

אָט די ניט פארדינטע, פאלש-צוגעשריבענע מײַלעס פארשטארקן נאָך מער ד
איראָניע און סארקאסטישע בײַסיקײַט.

רעב סימכעלע נאָגיד („דער ייִנגסטער פון די מעלאָכימ״, 1904 י.) „באַוויינט
זײַן דינער רעפּאָעלן, וואָס איז געשטאָרבן פאר דער צײַט.

„— וואָס ווייסט איר! וואָס ווייסט איר!—האָט ער געזאָגט איטלעכן באַזונדער,
ס׳איז באַ מיר אזא העזעק, אזא העזעק, וואָס איז גאָר איין לעשאער״. רעפּאָ
איז באַ אים געווען א פארנאָסע-זאַך, א דינער, פון וועלכן ער האָט אויסגעוו
דעם לעצטן קליאָק פון די ביינער, און איצט איז זײַן טויט פאר אים ניט מער
א העזעק.

און אָט, ווען די אַלמאָנע קומט צו רעב סימכעלע נאָגיד אויסריידן איר ביט
הארץ, אז זי וויל קריגן א ניי-מאַשין פאר אירע טעכטער, קעדיי די פאמיליע זאָ
ניט אויסגיין פון הונגער, איז רעב סימכעלע מאַסקימ:—„דאָס איז א גוטע זאַ
זייער א גלײַכע זאַך: נייטערנס, נייען, פארדינען, מאַכטייסע, זייער גלײַך״, נאָר ד
ער דערהערט, אז זי וויל באַ אים לײַען א גמילעס-כעסעד, נעמט ער זיך מי
אמאָל אָן פארן קאָוועד פונעם פארשטאָרבענעם רעפּאָעלן מיט זײַנע טעכטער.

„ווילסט זיי מאַכן פאר נייטאָרנס? אז אָך און וויי די יאָר! און דו ווי
(העכערט ער זײַן קאָל), אז איך זאָל דערלאָזן אזעלכס? כאס וכאָלילע! וואָס
איך עפּעס? א שטיין? א ביין? א שײַט האָלצ? הע״. אָט ווי מײַסטעריש שאָל
אַלייכעמ „כאַפּט״ רעב סימכעלע נאָגיד פארן האַנט באַ זײַנע גנייווישע שטיק
זײַן אומפארשעמטער צוויִעס.

שאָלעמ-אַלייכעמ דערקלײַבט זיך אויך צו די „שיינע ייִדן מיט די שיינע בער
צו „די פּניי, די שיוואָ טוווואָ האָיִר, די סאמע פײַנסטע באַלעבאַטימ פון שט



וואָס זײַנען פייִק „צוליב אָפּלעקן א ביינדל״, זײַנע פאלשע איידעס, זאָגן ליגן און
נאָרויבן יענעמ אין מיטן העלן טאָג („כאבנע״—1905; „א וואָרט פאר א וואָרט״—
1909). ש״א סאטירע דעמאסקירט דעמ אמעריקאנער „אָלרײַטניק״, וואָס פעדלט מיט
נאָט, מיט מיצוועס און מיט זנוס. („אוילעמ-האבע״—1915; „בוענאָס אײַרעס״—1905).

שאָלעמ-אַלייכעמ פאלט אויך אָן אפ דער בורזשואזער און בירגערלעכער אינטע-
ליגענץ, וואָס שטייען מיט גאָרניט אָפּ פון זייערע באַלעבאַטימ אין הינזיכט פון
צוויִעסדיקײַט און נישטיקײַט.

דער מעצענאט—דאָקטער לעוויוס („בלאָנדזשנדע שטערן״) פירט זיך אומעטום
צווייש, פאלש. אפילע סיגארן זײַנען באַ אים פון דרײַ סאָרטן—„בעסערע, ערגערע
און גאָר פאסקודנע״—די בעסערע האַלט ער פאר זיך און די ערגערע און פאסקודנע
פאר די געסט. פון זײַן מעצענאטישער „וואטראָנישקײַט״ „ווארגן״ זיך די געסט—
די אָרעמע קינסטלער האָצמאַך און ראפאלעסקאָ זיי לעבן מאַמעש אָפּ, ווען דער
געבילדעטער דאָקטער לעוויוס פארשווינדט פון זייערע אויגן.

דער דאָקטער קלוגער („סענדער בלאנק״) איז „א דימענטענער, א גאָלדענער
מענטש... דער דאָקטער קלוגער האָט ליב דאָס האַלבע קערבל; ער האָט עס אזוי
שטארק ליב, אז ער לויפט נאָך דעמ נאָך, און דינגט זיך מיטן אָרעמאַן, וואָס קאָן
עס אימ ניט געבן, אזוי לאַנג, ביז ער מוז עס אימ געבן״.

שאָלעמ-אַלייכעמ לאַכט ביטער אויס די פוסטע בורזשואז-נאציאָנאליסטישע אינ-
טעליגענטן, וואָס באַוועגן זיך אין קרײַז פון פּלאטאָן פּלאטאָנאָוויטש לאָקשענטאָפּאָוס
געזעלשאפט („וואָס איז כאנוקע״—1901). זיי זײַנען נישטיק אויסערלעך און אינער-
לעך. אָט זײַנען אייניקע פּאָרטרעטן: „א יונגערמאַן מיט א רויטער האַלדז און מיט
א פרישטשעוואט פּאָנעם״, „א קאוואַליער מיט א פערדיש פּאָנעם, און מיט א ווײַסן
שרונט איבערן גאנצן קאָפּ״, „אן אויסגעפּאשעטער אדוואָקאט מיט א קוויטשיק
קעלעכל״, „א ייִד אן אפּטייקער, וואָס שפּילט ניט אין קיין קאָרטן נאָר דעמאָלט,
ווען ער שלאָפט״, „א כעמיקער, וואָס מאַכט פון סכוירע געלט און פון געלט
בלאָטע״. און אַלע, אַלע שפּילן זיי אויסגעצייכנט מיטן גרעסטן אזארט אין קאָרטן,
אָבער קיינער פון זיי ווייסט ניט, וואָס איז אזוינס כאנוקע, כאָטש אַלע
זײַנען געקומען אהער פײַערן דעמ „נאציאָנאלן״ יאָנטעוו כאנוקע.

„— כאנוקע איז אזא יאָנטעוו, וואָס מע קאָן שפּילן אין פּרעפּעראַנס״,—דער-
קלערט איינער פון דער „גײַסטרײַכער״ קאָמפּאַניע. דער סטודענט „מיטן בלויען
קאָלנער און מיט די גאָלדענע קנעפּ״ פארענטפערט זיך:—„פּראוואָ ניע זנאיו, יא ניע
זדעשני, יא אָדעסיט״. און א דריטער פאלט אָן: „איך פארשטיי ניט: מיר שפּילן
אין פּרעפּעראַנס, צי מיר פארנעמען זיך מיט ליטעראטור״.

אין זײַנע שילדערונגען פון „קאסרילעווקער פּראָגרעס״ (1914-1915) באַקומען
א גרויסע פאראַלגעמיינערונג די שטעט ווארשע, ווילנע, ניו-יאָרק, וווּ ס׳זײַנען
אויסגעוואַקסן און ס׳האָבן זיך ניט אופגעהערט פלאָדען די פארשיידענע „פּארטייען
און פּארטייעלעך, ייִדישיסטן און העברעיִסטן מיט „גאזעטן״ און „פּאָליטיק״, מיט
רעפערענטן און פּאָרלעזער, מיט אינטערוויוערס, מיט פען-שמירערס פון סענסאציאָ-
נעלע ראָמאַנען, מיט רעקלאַמעס און יובילייען א.א.וו. א.ד.גל.

די „מאָדערנע לײַט״ שטײַגן אריבער אין זייער אָנפירונג און אופירונג די סאמע

ערגסטע קאסרילעווקער מארק־סעדעכעס. די אַלטמאָדישע גאזעט פון די אָרטאָדאָקסן די פרומע „יארמעלקע" און די „מאָדערנע ראדיקאַלע" צײַטונג פון די „פּאָרגעשרײַ־טענע עלעמענטן"—„דער קאפעליוש" נארן אויס אינטערוויוען, פירן אונטער איינע די צווייטע, זידלען זיך מיט די סאמע ערגסטע ווערטער. און אזוי, ווי זייער אוילעם האָט פון דעם האנאָע, „פלײַסן זיך דעריבער די רעדאקטאָרן אָפטער איבער־וואשן איינס דעם אנדערן דאָס קויטיקע גרעט, ביכדיי ס'זאָל זײַן וואָס מער „קריטיק" און דער אוילעם זאָל האָבן פון וואָס צו לעקן די פינגער".

די צײַטונגען זײַנען פארפולט מיט סענסאציעס וועגן פּאָגראָמען, מיט בריוו „פון באָכער צו מיידל און פונעם מיידל צום באָכער" און מיט „העכסט אינטערע־סאנטע שפּאנענדע ראָמאנען, ווי „דער פארבאָטענער קוש פון דער געגאנוועטער קאלע" און „דער געגאנוועטער קוש פון דער פארבאָטענער קאלע".

„מע צעשמירט די מײַסעס ווי ווײַט מעגלעך לענגער און ביכדיי צו האלטן דעם פובליקום אין שפּאנונג, טראכטן זיי צו אלע טאָג נײַע סענסאציעס, לייגן אוועק אינמיטן טאָג א פרישן, א געזונטן העלד און מאכן אים אָבער באלד לעבעדיק, פוילן זיך ניט אראָפּברענגען פון יענער וועלט א פּאָר ווײַבער, אבי עס פּאסט צום רומל".

די פיליסטערישע נישטיקײַט, פארדאָרבנקײַט און פארקריפּלטקײַט פון דעם דאָזיקן אינטעליגענטישן געמויזעכץ וואקסט דאָ אויס אין דער גאנצער גרויס, איר לייענט דאָס אלץ און איר דערזעט פאר זיך די הילעל ציײטלינס, די אייב קאהאנס, בא וועמען דער שונד איז אן אויסגעפּרוווט מיטל אם צו פארטונקלען דעם באַ־וווסטזײַן פון די ברייטע מאסן.

שאָלעם־אליכעם האָט די גאנצע צײַט געראָפן פירן א פארביטערטן קאמף קעגן דער „שונדישער פּעסט" פונעם „אמעריקאנישן שניט", דעזינפּעקצירן יענעם מין ליטעראטור, וואָס עס ברענגט דאָס פּאָנעם פאר שאנד" און אנטבלויזט ביז נאקעט די בורזשואז־בירגערלעכע געזעלשאפטלעכקײַט—די באלעבאטים און סאָציאלע באַ־שטעלער פונעם שונד. און אויסגעפּילט האָט ער עס געלענצנד אין זײַן „קאסרילעווקער פּראָגרעס".

---

שאָלעם־אליכעם איז ניט געווען אליין אין זײַן סאטירישן אנטבלויזן די גווירים מיט זייערע אונטערגעקויפטע לאקייען. ער האָט זיך דאָ פּעסט אָנגעשפּארט אפ די ברייטע פאָלקס־מאסן, וואָס האָבן אין זייער פאָלקלאָרישן שאפן אויך געטאָן די זעלבע ארבעט.

אין זײַנע ווערק זײַנען שטענדיק מיט אים געשטאנען זײַנע געשטאלטן—די האָרעפּאשנע אָרעמע ברייטע פאָלקס־מאסן—און האָבן צוזאמען מיט אים ביז גאָר טרעפלעך געוואָרפן זייערע סארקאסטישע, בײַסיקע ווערטער און ווערטלעך אין לאגער פון די אריסטאָקראטן און גווירים, פון בורזשואז און זײַנע לאקייען.

דאָס אָרעמע שטעטל, וואָס איז פארקנעכטעט צום נגידישן הויף („לאטקעס של כאנוקעס"—1903) גייט שפּעט באנאכט ביז גאָר אופגעבראכט פון די „נגידישע לאטקעס". אלע ווינטשעווען זיך פארשפּאָרן אָנקומען צום „הויף" און צו די



שטיינער" (ד. ה. צו די נגידים) און צו נאָסל קאָל וולאָכ (דעם גאנצן מאכער באם נגיד) מיט זייערע לאטקעס.

און פלוצים פלאצט אופ אין דער פינצטערער נאכט א בייזער קלאָלע־געשריי קעגן די באלעבאטים און קעגן דעם פארקויפן נאָסן קאָל וולאָכ, וואָס עקספּלואטירט און זויגן ארויס דעם קליאָק פון די ביינער.

„ס'זאָל א רועך אין זײַן טאטנס טאטנס ארײַנגעפלויגן ווערן ביז אָדאָם האָרישנ! ער איז א קעלעוו שעבעקלאָווים, אימאכ שעמוי וועזיכרוי, ער איז ערגער פון זיין ער איז מער שטיין פון די „שטיינער"...

„איך האָב פײַנט א נאָגיד! א נאָגיד איז א שפּינ"—זאָגט די אָרעמע יידענע, וואָס טראָגט געגנדז אין די נעגידישע הײַזער, דאָסזעלבע כאזערן איבער די מענטשן", די באלמעלאָכעס און האָרעפּאשניקעס. און זיי אלע צוזאמען זינגען זייער ליד פון כויזעק און סינע:

„וואָס מער נאָגיד, מער סאָבאקע,
וואָס מער אוישער, מער סוויניאקע".

דער קלוגער פאָלקס־מענטש טעוויע רעדט וועגן ברוטאלן פארוועניו פּעדאָצור וועגן „א קעלעוו שעביקלאָווים" און קומט צום אויספיר: „אז פון קיין כאזערש קאָן מען קיין שטרײַמל ניט מאכן".

יאנקעוו יאָסל, דער העלד פון „פינפ און זיבעציק טויזנט", וואָס האָט שיר ניט געוואונען „דאָס גרויסע געווינס", האָט אין ברענענדיקן אזארט פון ניט קאָנען זיך שטילן מיטן ניט געוואונענעם געווינס, דערפילט צו וואָס געלט פירט און צו וואָס געלט קאָן ברענגען:

„...ווער האָט עס אויסגעקלערט, טראכט איך מיר, אָט דאָס געלט, וואָס איבער דעם ווערן מענטשן פארשווארצט, שלאָגן זיך קאָפּ אין וואנט, און איינער דעם אנדערן וואָלט נאָכ אײַנגעשלונגען לעבעדיקערהייט—ניטאָ קיין ברודער, קיין שוועסטער, קיין פאָטער, קיין קינד, קיין שאָכן, קיין גוטער פרײַנט, קיין טײַערס אפ דער וועלט, נאָר געלט און געלט און געלט".

יאנקעוו־יאָסלס כאָלעם פארוואנדלט שאָלעם־אליכעם אין שימעלעס רעאלער וואָר, פירט אים ארײַן צווישן די בורזשואזע פײַנערס, וואָס פאר געלט זײַנען זיי מיט האנדלען מיט זיך, מיט אלעמען און מיט אלץ. צווישן די שווינדלערישע גדאָרטשיקעס און רובינטשיקעס און דערווײַזט, וואָס וואָלט געוואָרן פון שימעלע אמכאָ־מענטש, ווען ער וואָלט טאקע געוואָרן א סעמיאָן מאקאראָוויטש—גוויר: ער וואָלט געוואָרן פארדאָרבן און נידערטרעכטיק. זײַן גלײַכן און זײַנע עסע פרײַנט—„אונדזער פאָלק—שער און אײַזן־אמכאָ", וואָלט ער אין ש... ניט ארײַנגעלאָזט, ער וואָלט געוואָרן אויס מענטש, אויס פאָטער. און דאָס באזיניקט שימעלע בא זײַן ערשטער אויסניכטערונג:

„עס האָט זיך מיר פארוואָלט ווערן א מיליאָנשטשיק... און ייִכעס האָט זיך מיר גלוסט... דער קאָפּ האָט זיך מיר פארדרייט. איך בין געווען שיקער... עפּעס א טשאדעט... איצט איז ארויס דער טשאד, האָב איך זיך אויסגעניכטערט, זע איך, אז איך בין געווען א נאר און איך בין ווערט שמיצ".